(1)

# ידיעות און מאטעריאַלן

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ א מעמאָריאַל וועגן „אָפּראַטעווען די רעשטלעך פון יידישע קולטור־אוצרות אין פוילן", וואָס האָט זיך אויפגעהיט אין רינגעלבלום־ארכיוו.

לויט א בריוו פון י. אָפּאַטאשו פון 1־טן אפריל 1946, וואָס האָט אויפן סמך פון פאָטאָסטאַט פון מאַנוסקריפּט דערקענט דעם כתב־יד, איז דער מחבר פון דעם מעמאָריאַל הרב ש. הובערבאַנד און נישט ז. קאַלמאַנאָוויטש, ווי עס איז ע"פּי טעות אנגעגעבן אין 1־טן באַנד „בלעטער פאַר געשיכטע" ז. 70.

י. אָפּאַטאשו שרייבט צווי״א:

„דעם דאָקומענט האָט געשריבן מיינס א קרוב, דער יונגער רב, ר׳שמעון הובערבאַנד פון פּיעטרקאָוו.

...ער האָט איבערגענומען ס׳פּיעטרקאָווער רבנות נאָך זיין שווער, דעם פּיעטרקאָווער ראב"ד ר׳ יעקב אריה גלאַזער....

הרב ש. הובערבאַנד האָט אין וואַרשעווער געטאָ געהערט צו די אקטיווסטע מיטאַרבעטער פון אונטערערדישן אַרכיוו, פאַר וועלכן ער האָט געשריבן א ריי אַרבעטן וועגן דער אָקופּאַציע־צייט. הרב ש. הובערבאַנד איז ארום דעם 20-טן אויגוסט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בערשטער-שאָפּ קיין טרעבלינקע.

(אָרטאָגראַפיע — נישט געענדערט)

## ש. הובערבאַנד

בעת די היינטיקע געשעענישן זיינען געגאַנגען לאיבוד זייער פיל יידישע היסטאָריש־קול[טור־אוצרות] מערער ווי ווען עס איז ביז איצט במשך דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין פוילן. האַנאָווער אין זיין ספ[ר „יון מצולה" קלאָגט] אויף די יידישע קולטורעלע אוצרות, וואָס זיינען געגאַנגען לאיבוד במשך די יאָרן ת"ח — ת"ט. עס איז אָבער קיין [פאַרגלייך] צו היינט, וואָס צוליב באָמבאַרדירונגען, אונטערצינדונגען, אויסרויבונגען און גירושים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן ...... היסט. קולטורעלע אוצרות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן במשך לאַנגע יאָרהונדערטער. א פאַרלוסט, וואָס וועט נישט קאָנען קריקגעקערט ווערן. ממילא וועט זיך שאַפן א בלויז אין דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אז די פוילישע וויסנשאַפט וועט נישט אזוי פיל ליידן צוליב דער פאַרניכטונג פון פיל פוילישע היסטאָרישע דענקמעלער, געביידעס, פּאַלאַצן און אַרכיוון, ווייל צום גרעסטן טייל זיינען זיי שוין אויסגעפאָרשט

RABBI SHIMON HUBERBAND

# 39

# Concerning the Rescue of Jewish Cultural Treasures in Occupied Poland

During the current events, very many Jewish historical and cultural treasures have been lost—more than ever before in all of Polish-Jewish history. Nosn Nota Hanover, in his work *Yeven Metsulah,* mourned the Jewish cultural treasures lost during the years 5408–5409 (1648–1649).* But nothing can be compared with our time, when Jewish historical and cultural treasures created during long centuries have been destroyed in bombings, acts of arson, robberies, and expulsions. It is a loss which can never be retrieved. As a result, there will be a great gap in the study of Polish-Jewish history.

It is worth mentioning that Polish scholarship will not suffer as greatly from the destruction of many Polish historical monuments, buildings, palaces, and archives. This is because these objects have already been studied and analyzed to a great extent. Many works have been published about them. On the other hand, the histories of many old Jewish communities have not been studied at all. The oldest minute-books of the most prestigious Jewish communities were still in the hands of individuals who did not appreci-

*The period of the Cossack revolt led by Bogdan Chmielnicki, during which many Jewish communities were destroyed.

און באַאַרבעט געוואָרן. ס'זיינען דערוועגן פיל ווערק אָפּגעדרוקט געוואָרן. דאַקעגן איז ליידער די געשיכטע פון פיל אַלטע יידישע קהילות לגמרי נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. די עלטסטע פּנקסים פון די חשובסטע אַלט־ייד. קהילות געפינען זיך נאָך אַלץ אין די הענט פון יחידים, וואָס ווייסן נישט און פאַרשטייען נישט אָפּצושאַצן זייער ווערט, צוליב דעם זיינען ליידער פיל אַלטע פּנקסים פאַרברענט געוואָרן דורך זייערע אייגנטימער גופא, בעת די היינטיקע געשעענישן, די הייליקע אַרבעט פון „ייווא" אויסצולייזן די פּנקסים און אַלטע היסטאָרישע דאָקומענטן פון יחידישע הענט האָט ליידער אין גרעסטן נויט־יקסטן מאָמענט געמוזט איבערגעריסן ווערן.

לויט מיינע ביז איצטיקע ידיעות

**זיינען געגאַנגען לאיבוד:**

א) אַלטע היסטאָרישע שולן מיט זייער ספּעציפישע אַרכיטעקטאָניק, טייערע שניצערייען פון אַ הויכן קינסטלערישן ווערט אין די שטעט: פּינטשעוו, פּרזשעדבאָרזש און שידלעוו, וועלכע זיינען פון די עלטסטע שולן אין פּוילן, די דערמאָנטע שטעט האָבן בעת דעם וועד ד' ארצות אָנגעהערט צווישן די 9 שטעט פון „גליל קראָקא" אויך זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די שולן פון פּיעטרקאָוו (טיילווייז), זאַלושין (אינגאַנצן), אויך די שולן (נישט גאָר אַלטע) פון וואָרקע (אויפגעבויט אין יאָר 1810), סטערצעוו (1830), וויעלון, זוואָלין, קאַלושין, גריצע, זשעלעכאָוו, שעדלעץ, דעמבלין, טשענסטאָכאָוו.

עס זיינען אין די דערמאָנטע שטעט געגאַנגען לאיבוד.

ב) חפצים, ווי אַלטערטימלעכע מנורות, הענגלייכטער, בעכערס, צדקה־פּושקעס, כלי־קודש, וואָס באַשטייט פון כתרים, טסן ידן פּרוכתן און כפּורתן. היסטאָריישע פענער, ווי אין פּזשעדבאָרזש (אַ פּרוכת פון אַ פאָן פון נאַפּאָלעאָנס אַ מיליטער־רעגימענט), טשענסטאָכאָוו (פון אַן אַלט פּוילישן פאָן) און ענלעכע.

ג) פּנקסים, כתב־ידן פון גדולי ישראל, פאַרשידענע היסטאָרישע דאָקומענטן. (אויסער אין די דערמאָנטע שטעט אויך אין ראָזפּושע נעבן פּיעטרקאָוו.)

ד) אין אַ גאַנצע ריי שטעט זיינען צושטערט געוואָרן די מצבות אויף די אַלטע בית־החיימס, ווי, למשל אין פּיעטרקאָוו, ווו עס איז צעשטערט געוואָרן די מצבה פון דעם (פון היסטאָריקער געזוכטער) פּזשעדבאָרזשער רב, רבי שאול, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע ביים וועד אַרבע ארצות אין די קאַמפּן קעגן שבתי־צביאיזם. צו אים האָט זיך געוואָנדן רבי יהונתן אייבעשיץ בעת דער באַרימטער מחלוקה מיט רבי יעקב עמדין. עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די מצבות פון די קדושים, וואָס זיינען געפאַלן ביים שיצן דער יידישער געטאָ בעת די אָנפאַלן פון די פּויערן און יעזויטן מיט 200 יאָר צוריק.



ate their value. As a consequence, many old minute-books were unfortunately set on fire by their very owners during the current events. The holy labor of YIVO to rescue minute-books and old historical documents from the hands of private individuals was unfortunately forced to be discontinued at its most vital moment.

According to my information, the following has been lost:

Old historical synagogues, with their unique architecture and valuable wood carvings of high artistic caliber, in the cities of Pinczow, Przedborz, Szydlowiec, which were among the oldest synagogues in Poland, have been obliterated. These cities were counted among the nine cities of the Cracow Province during the days of the Council of Four Lands. The synagogues of Piotrkow (partially) and Zalaszany (totally) were also destroyed. In addition, the synagogues (not particularly old ones) of Warka (built in 1810), Szczercow (1830), Wielun, Zwolen, Kaluszyn, Grojec, Zelechow, Siedlce, Deblin, and Czestochowa.

Where synagogues were destroyed, objects such as antique *menorahs*, chandeliers, wine goblets, metal alms-boxes, ritual items such as Torah crowns, pointers, coverings for the holy ark, historical flags, such as the one in Przedborz (a covering for the ark made from the flag of a Napoleonic military regiment) and the one in Czestochowa (made from an old Polish flag), have been taken. Moreover, minute-books, manuscripts by great sages, and other historical documents (besides the above-mentioned cities, also in Ropsza, near Piotrkow) have been lost.

In a whole slew of cities the tombstones of the old cemeteries were destroyed. For instance in Piotrkow, the tombstone of the Przedborz rabbi (studied by historians), Rabbi Shoul, who played such an important role in the Council of Four Lands in its battle against Sabbateanism. Rabbi Yonoson Eybschitz appealed to him in his well-known conflict with Rabbi Yakov Emden. The tombstones of the martyrs who fell while defending the Jewish ghetto during the attacks by peasants and Jesuits two hundred years ago were also destroyed.

In many cities and towns, rare and valuable books were destroyed, collectors' items which were printed only once. (One must also mention the removal of the books from the Warsaw Judaica Library and the partial destruction of the *seforim* collection of the Khahmei Lublin Yeshiva.)

All of the relates only to those cities and towns which are known

ה) אין פּיל שטעט און שטעטלעך זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די טייערע ספרים יקרי מציאותן, וועלכע זיינען מערער פון איינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן, (עס האָרף הערבײַ דעמאָנט ווערן אויך דאָס אוועקפירן פון די ספרים פון דער יודאיסט. ביבליאָטעק אין וואַרשע און דאָס טיילווייזע פאַרניכטן דעם „עקד הספרים" ביי דער „ישיבת חכמי לובלין" אין לובלין).

דאָס אַלץ באַציט זיך בלויז צו די שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען מיר באַקאַנט, אז מען וועט צוגעבן די שטעט פון וועלכע איך האָב נאָך קיין ידיעות נישט און די שטעט, וואָס זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן צום רייך צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אַזעלכע אַלטע קהילות, ווי גניעזנאָ, ווראָנקי, פּויזן קאַליש און פּיל אַנדערע אויך די שטעט, וועלכע זיינען געוואָרן יידן־ריין צוליב די גירושים און צו דעם אַלעם וועט מען צורעכענען די שטעט, וואָס זיינען אַרונטער דעם רשות פון די סאָוויעטן, וועט מען זיך קענען פאָרשטעלן די גרויסע היזקות פאַר דער יידישער געשיכטע און וויסנשאַפט, וואָס איז לעצטנס געשען. מען מוז דעריבער תיכף צוטרעטן צו אַן אַרבעט מציל צו זיין, וואָס עס לאָזט זיך נאָך.

### וואָס איז פאַראַן צו טון?

„מען"*) האָט איצט צו הערפילן א גרויסע היסטאָרישע מיסיע. אָפּצוראַטעווען פאַר דער יידישער קולטור דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען. אין אַ פּריוואַטן בריוו צו מיר באַקלאָגט זיך אַפּאַטאָשו אויפן פּוילישן יידנטום, וואָס האָט בעת דער וועלט־מלחמה פון 1914 געלאָזן גיין לאיבוד טייערע היסטאָרישע אוצרות. „מען" דאַרף זעען, אַז דאָס זאָל מערער זיך נישט איבערחזרן, נאָך ווי קיינמאָל נישט ביז איצט, וועלן זיך ביי אַ קליינער אָנשטרענגונג אָפּווכן מעצענאַסן, וועלכע וועלן פינאַנסירן דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט און נאָך קיינמאָל, ווי ביז איצט איז פאַראַן די מעגלעכקייט צו קריגן געשאָנקען און געקויפט די טייערסטע פּנקסים, היסט. דאָקומענטן, אַלטערטימלעכע חפצים א. א. וו.

„מען" טאָר דעם דאָזיקן מאָמענט נישט אַדורכלאָזן און פאַרנאַכלעסיקן. מיט אַלע מעגלעכקייטן מוז „ייוואָ" דערפילן די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס לאַסטעט אויף איר.

וואָס שייך דעם פּונקט א. לאָזט זיך לידער דערוועגן גאָר נישט טאָן. בנוגע די פּונקטן ב. און ג. מוז ווי אַמשנעלסטן דורכן „מען" אַרויסגעשיקט ווערן ספּעציעלע שליחים מענטשן מומחים אויפן דאָזיקן געביט — איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך כדי צונויפזאַמלען און אויפצוקויפן אַלע מעגלעכע היסטאָרישע דאָקומענטן, חפצים, פּנקסים און וויכטיקע ספרים לויט דעם מוסטער, ווי עס האָט געטאָן ש. אַנסקי ז"ל בעת דער פריערדיקער וועלט־מלחמה.

*) דאָ און ווייטער איז אויפן וואָרט „ייוואָ" אָנגעשריבן דאָס וואָרט „מען".



to me. Add to them the cities about which I have no information and those cities which were annexed by the German Reich, including such communities as Gniezno, Wronki, Kalisz, Poznan, and many others which are now *Judenrein* due to expulsions and the losses become monumental. Then add the cities which are now under Soviet control and you can imagine the great losses recently suffered by Jewish history and scholarship. We must therefore immediately begin the labor of rescuing whatever is left.

### What Is to Be Done?

YIVO must now perform a great historical mission. It must rescue, for the sake of Jewish culture, whatever can still be saved. Joseph Opatoshu* complained to me, in a private letter, that Polish Jewry allowed valuable historical treasures to be lost during the First World War. YIVO must ensure that this never happens again. There has never been such an opportunity as now to acquire and purchase rare minute-books, historical documents, antique items, etc.

YIVO must not neglect this moment and let it pass. YIVO must perform the great historical task which lies before it, with all the available means.

Regretfully, nothing can be done regarding that which is already long gone. To prevent a tragic reoccurence YIVO must dispatch special emissaries as soon as possible, experts in the field, to various cities and towns to collect and purchase all possible historical documents, objects, minute-books, and important books. This should be done according to the model set by S. Anski of blessed memory during the previous World War.

YIVO's emissaries must persuade the leaders of the communities to copy the texts of their tombstones as soon as possible. This must especially be done in the older cemeteries. It is necessary to emphasize the importance of various old books for history and scholarship. Until now, the extremely important information found in various volumes of responsa has gone virtually unused.

In responsa under the category of *Hoshen Mishpat* there is much historical material about the Jewish worker, about the social situa-

*Joseph Opatoshu (1886–1954), born in Poland and emigrated to the United States, was a famous Yiddish novelist and essayist.

בנוגע דעם פונקט ד. דארפן „מען״ [דורך] שליחים ווירקן אויף די קהילה־אָנפירער אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, אַז זיי זאָלן, ווי אמשנעלסטן לאָזן מאכן אָפּשריפטן פון די מצבות. איבערהויפּט פון די אַלטע בית־החיימס.

צום פונקט ה. דאַרף קודם־כּל אונטערגעשטראָכן ווערן די וויכטיקייט פון די פאַרשידענע אַלטע ספרים פאַר [דער] געשיכטע און וויסנשאַפט. ביז איצט זיינען לײַדער כמעט, ווי גאָר נישט אויסגענוצט געוואָרן די אומגעהויער וויכטי|קע]... וואָס געפינען זיך אין די פאַרשידענע שאלות ותשובות.

אין חלק חושן משפט פון די שאלות ותשובות געפינט זיך וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן יידישן |האָרעפּאַשניקס?, וועגן] סאָציאַלן מצב, קלאַסן אַנטאַגאָניזם ביי דער יידישער באַפעלקערונג במשך הונדערטער יאָרן אין חלק „אבן העזר״ געפינט זיך מאַט׳ וועגן מצב פון זיטלעכקייט און מאָראַליטעט ביי יידן במשך לאַנגע דורות. אין חלק „תקנות עגונות״ (געפינט מען) מאַט׳ וועגן יידישן אָנטייל אין פאַרשידענע מלחמות, פרייהייט־קאַמפן און פאַר׳ לענדער וועגן יידישן זעלבסט־שוץ ....... לענדער, אין חלק „יורה דעה״ איז פאַראַן ידיעות וועגן סאַניטאַרן און געזונטהייט־מצב פון דער יידישער באַפעל. וועגן וווילטעטיקייט־אַרבעט און פילאַנטראָפּיע, וואָס יידן האָבן געפירט. אין חלק „אורח חיים״ ידיעות וועגן פּורים און טעאַטער־שפּילן, וועגן האַזאַרד און פאַרשידענע ספּאָרט־שפּילן. אויסער דעם געפינט זיך אין די שאלות ותשובות מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די פאַרשידענע גביות־עדות אויף יידיש. אין די שאלות ותשובות געפינען זיך מאַט׳ וועגן אַבערגלויבענישן, כישוף, אָפּשפּרעכונגען גורלות מזלות, מאַטער׳ וועגן פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער יידישער געשיכטע, ווי גאונים, פילאָזאָפן, דאָקטוירים, פאַלשע משיחים. מאַטעריאַלן וועגן: קאָנטריבוציע, געטאָ, שאַנדצייכנס, גירושים און פּאָגראָמען.

ד״ר שיפּער אין זיין געשיכטע וועגן טעאַטער ביי יידן, דרויאַנאָוו אין זיין אַרבעט (אין די היסט׳ שריפטן פון „ייוואָ״) וועגן יידיש אין שו״ת, ריבקינד אין זיין אַרבעט (אין ניו־יאָרקער „צוקונפט״) וועגן האַזאַרד־שפּילן ביי יידן, אין דער אַרבעט וועגן יידישן מסחר אויפן גרונט פון שאלות ותשובה (אין ערשטן יאָר אַספּיראַנטור) זיינען כמעט, ווי נישט אויסגענוצט געוואָרן די מקורות פון די שאלות ותשובות. גיכער איז דאָס אַן אַרומגיין נעבן די שאלות ותשובות אָבער נישט קיין אויסנוצונג דערפון.

אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן פון די שאלות ותשובות אויך אַ ריי יידישע בעלעטריסטן און דראַמאַטורגן; למשל, דער סיוזשעט פון לייוויקס גולם איז גענומען פון שאלות ותשובות „חכם צבי״ און עמדנס „מגילות ספר״. זינגער האָט גענומען מאַטעריאַלן צו זיין „יאָשע קאַלב״ פון שאלות ותשובות „נודע ביהודה״ מהדורא קמא סימן



tion and class antagonism among the Jewish population during the course of centuries. Under the category of *Even Ha-Ezer* there is material concerning the state of manners and morality among Jews during the course of generations. Under the rubric of the release of *agunot* one finds material about Jewish participation in various wars, struggles of liberation, and instances of Jewish self-defense in various European lands. Responsa under the category of *Yoreh De'ah* include information about the sanitary and health conditions of the Jewish population, as well as concerning Jewish welfare activities and philanthropy. Under the category of *Orach Chayyim* there is information regarding Purim *shpils* and Jewish theater, games of chance and sports. In addition, the responsa include material for the study of the Yiddish language, as reflected in various testimonies presented in Yiddish. The responsa have material on superstitions, magic, incantations, soothsaying, and astrology. There is information on personalities who played a role in Jewish history—scholars, philosophers, physicians, and false Messiahs. There is material about tributes, the ghetto, the Jewish badge, expulsions, and pogroms.

Dr. Schipper in his history of Jewish theater, Dr. Janov in his study on Yiddish in the responsa literature (In *Yivo Historishe Shriftn*), Rivkind in his study on gambling among Jews (published in the New York *Zukunft*), the study of Jewish commerce as reflected in the responsa (written during the first year of the YIVO graduate program)—all these studies left the sources in the responsa literature almost totally unutilized. They skirt the responsa but do not utilize them.

Recently a number of Yiddish novelists and playwrights also began to employ materials found in the responsa. For instance, the subject of Levick's *Golem* is taken from the responsa of the *Hakham Zevi* and from Emden's *Megilas Sefer*. I. J. Singer took material for his *Yoshe Kalb* from the responsa of the *Nodah Be-Yehudah*, first edition, no. 65; from *Beys Yitskhok* by Yitskhok Shmelkes and *Minhos Eliezer* by Rabbi Shapira Munkatsh. Unfortunately, there is no bibliography of responsa literature for the use of scholars. Therefore, with the loss of a single volume of responsa, an important source of Jewish history is lost.

The introductions and letters of approbation at the head of various books include extremely important material foı Jewish scholarship and history. If we did not have, for instance, the books

ס"ה, שו"ת „בית יצחק" פון ר' יצחק שמעלקיש און „מנחות אלעזר" פון מונקאטשער רבי שפירא. לײדער איז ביז איצט נאך נישט געשאפן געוואָרן קײן ביבליאָגראַפיע פון די שאלות ותשובות מיט וועלכן יעדער פאָרשער וואָלט זיך געקאָנט באַנוצן. דעריבער מוזן פאַרלוין גײן פון יעדן אײנציקן שו"ת גײט לאיבוד א וויכטיקער מקור פאר דער יידישער געשיכטע.

אין די הקדמות און הסכמות פון פאַרשידענע ספרים זײנען פאַראַן אָנ־געהויער וויכטיקע מאַטעריאַלן פאר דער יידישער וויסנשאַפט און געשיכטע, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט, למשל, די ספרים „אבן השוהם" „איתן האזרחי" הקדמה פון „באר היטב", „שיח השדה", וואָלטן מיר פיל אָרעמער געווען אין מסורות צו דער יידישער געשיכטע.

ווענן דער וויכטיקייט פון אלטע ספרים וועל איך זיך דערלויבן אויף איין פרט. אזולאי און „שם הגדולים" מערכת גדולים מ' אות מח' דערמאָנט ווענן א גדול פון דער שטאָט וואַרשע מיטן נאָמען „רבי מנחם מווארשא" וועמען עס ברענגט רבי מנחם מריקאַנטי, ד. ה., אז שוין אין 12־טן יאָר"ה האָט אין וואַרשע געזאָלט זײן א גדול, ווי מיר ווייסן האָבן קײן [יידן] דעמלט בכלל נאָך נישט געוווינט אין וואַרשע, אלזאָ, ווי אזוי דערקלערט זיך די דאָזיקע זאך? אין אן אלטן דרוק פון ספר ריקאַנטי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן איז גאָר געווען רבי מנחם מוורמשא ד. ה. פון דער שטאָט וואָרמס, און דער דרוק פון ספר ריקאַנטי וואָס ס'האָט געזען אזולאי איז ארויסגעפאלן דער אות „מ", פון וואָרט וורמשא אזוי ארום איז געוואָרן וו ר ש א. דאָס ווייזט אויך אויף דער וויכטיקייט פון די אלטע ספרים איבערהויפּט פון די ספרים, וועלכע זײנען נאָר אײנמאָל געדרוקט געוואָרן און נישט מערער איבערגעדרוקט געוואָרן. דעריבער דאַרפן די שלוחים פון „ייוואָ" זיך פאראינטערעסירן און אָפּקויפן דעם „שארית הפליטה" די איבערגעבליבענע אלטע ספרים, וואָס זייער חשיבות פאר דער יידישער געשיכטע און וויסנשאפט איז נישט אָפּצושאַצן. אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך קאָן מען היינט גאָר לײכט דערווערבן פאַרן „ייוואָ" ביבליאָטעקן גאַנצע פון יקרי מציאות טײערע וויכטיקע ספרים.

### ווי אזוי דאַרף די אַרבעט געפירט ווערן

א) — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ב) מיר האָבן באַמערקט אין פריִקן קאַפּיטל דאַרף „מען" שיקן שליחים איבער אלע שטעט און שטעטלעך וועלכע [זאָלן] אין פאַרשטענדיקונג פון די אָרטיקע קהילה־פאַרוואַלטונג (עלטעסטן־ראַט) צונויפזאַמלען אלע וויכ־טיקע מאַטעריאַלן און חפצים. דער עלטעסטן־ראַט פון יעדער קהילה קענען פיל לייסטן לטובת דעם ענין. די צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן דאַרפן צייט־ווייליק לאָקירט ווערן אין לאָקאַל פון דער אָרטיקער קהילה, וואָס איז א מין אזיל און פון דאָרט איבערגעשיקט ווערן קײן וואַרשע.



*Even Ha-Shoham, Eitan Ha-Ezrakhi,* the introduction to the *Be-er Hetev,* and the *Siah Ha-Sadeh,* we would be much poorer as far as sources for Jewish history are concerned.

Concerning the value of old *seforim,* I would like to take the liberty of giving an example. Azulai in his *Shem Ha-Gedolim,* letter *mem,* no. 48, mentions a great scholar from Warsaw called Rabbi Menakhem of Varsha, who is referred to by Rabbi Menahem Rekanati. He cites this as proof that there was already a great talmudic scholar in Warsaw during the twelfth century. As we well know, absolutely no Jews lived in Warsaw at that time. Then how do we explain the reference? It was determined that in an old edition of Rekanati's books, the reference was to Rabbi Menahem of Vermaisa, i.e., from the city of Worms. The letter *mem* was omitted by mistake from later printed additions of *Sefer Rekanati* and ורמזא was turned into וורשא . This indicates the importance of old *seforim* and especially of those works which were printed only once. The emissaries of YIVO must therefore devote themselves to purchasing the "surviving remnant" of the remaining old *seforim.* Their value for Jewish history and scholarship is inestimable. In various cities and towns, it would now be extremely easy to acquire whole libraries for YIVO, including valuable rarities and important works.

### How Should the Work Be Conducted?

We stated above that YIVO should dispatch emissaries to all cities and towns, who should, in cooperation with the local *Kehilah* administration, collect all important materials and objects. The council of elders of each *Kehilah* can be of great assistance in this matter. The accumulated materials should be kept temporarily in the headquarters of the local *Kehilah,* which is an asylum of sorts. From there, they should be sent to Warsaw.

The emissaries must be experts in the field, who are able to assess the value and importance of all categories of items—minute-books, religious objects, *seforim,* etc. The emissaries should be provided with papers identifying them as emissaries of the Joint Distribution Committee.

The work must be conducted, first and foremost, in those places where there is danger of expulsion, in order to rescue whatever one

ג) די שליחים מוזן זיין מומחים אויף דעם געביט, וועלכע זאלן קאנען אפשאצן דעם ווערט און וויכטיקייט פון יעדן קעגנשטאנד, ווי פנקס, חפץ, ספר א. א. וו.

ד) די שליחים דארפן זיין פארזעען מיט די אפצייכונגען פון „דזשאינט".

## ווו דארף געפירט ווערן די דאזיקע ארבעט

קודם כל דארף געפירט ווערן די דאזיקע ארבעט אין די ערטער וואס זיינען בעדראט פון א גירוש, אזוי ארום מציל צו זיין, ווי לאנג מען קאן נאך, וואס עס לאזט זיך מציל זיין: פנקסים, היסט. דאקומענטן, וויכטיקע ספרים היסטארישע חפצים א. א. וו.

די ארבעט מוז אין דער ערשטער ריי געפירט ווערן אין די שטעט און שטעטלעך, ווו דער יידישער ישוב איז דארט אן אלטער, ווי למשל: קראקע און דער אומגעבונג, לובלין מיט דער סביבה, אין די שטעט אפט, שידלאוו, פזשעדבארזש, צוויזמיר, שעברעשין, כענטשין, כמיעלניק, אלקוש, פיעטרקאוו און אין איר סביבה, טשענסטאכאוו מיט דער געגנט א. א. וו.

בלעטער פאר געשיכטע 1 : 2 (1948)



can before it is too late—minute-books, historical documents, important books, historical objects, etc.

The work must be conducted quickly in all those cities and towns whose Jewish settlements are older, such as Cracow and its environs, Lublin and its environs, as well as in the cities of Opatow, Szydlowiec, Przedborz, Kazimierz, Szczebrzeszyn, Checiny, Chmielnik, Olkusz, Piotrkow and environs, Czestochowa and environs, etc.

9

אַנאָנימער מחבר

# ווי א באַהאַלטענער וואַסער=קוואַל פון אונטער דער ערד [1]

מיר לעבן אין א תפיסה. מיר זענען געוואָרן אראָפּגעשטויסן צו דער מדרגה פון היימלאָזע און פארוואָרלאָזטע חיות. קוקנדיק אויף די געשוואָלענע און האַלבנאַקעטע יידן, וואָס ליגן אויף די גאַסן, האָבן מיר דאָס געפיל, אז מיר געפינען זיך אויף אַן אונטערמענטשלעכע שטופע. די יידישע, האַלב טויטע סקעלעטישע פנימער, באַזונדערס פון די קליינע אָפּשטאַרבנדיקע קינדער, וואַרפן אויף אונדז אַן אימה און דערמאָנען אונדז בילדער פון אינדיע און אַנדערע איזאָלאַציע=לאַגערן פאַר מצורעים, וואָס מיר פלעגן זען אויפן עקראַן. די ווירקלעכקייט שטייגט איבער די פאַנטאַזיע, און בלויז נאָר איין זאַך וואָלט אונדז געקענט איבעראַשן, אין דאָס איז: אַ מאַסן=מאָרד אָנשטאָט דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג און פאַרניכטונג. און ווי ס'זאָל נישט זיין שווער צו ברענגען די ווערטער פאַרן מויל, מוז מען דאָך זאָגן, אז פאַר די, וואָס גייען אויס פון הונגער, וואָלט א שנעלער געוואַלט=טויט געווען אַן אויסלייזונג פון שווערע און לאַנגע גסיסה=יסורים.

ס'האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט די פּראָפּאָרץ צווישן לעבן און טויט. אַמאָל פלעגט דאָס לעבן פאַרנעמען דעם אויבן=אָן, דאָס הויפּט=אָרט, און דער טויט פלעגט זיין א נעבן=דערשיינונג צום לעבן, זיין פינאַל. היינט הערשט מאַיעסטעטיש דער טויט, און דאָס לעבן טליעט קוים ווי אונטער א גראָבער שיכט פון אַש. אויך דאָס לעבן, וואָס טליעט נאָך, איז אַזוי שוואַך, אַזוי נעבעכדיק און אָרעם, אָן יעדן פרייען אָטעם, שווונג און גייסטיקן אינהאַלט. די נשמה פון יחיד ווי פון כלל איז ווי אָפּגעשטאָרבן, פאַרטעמפּט און אַטראָפירט. בלויז דער גוף האָט נאָך זיינע באַדערפענישן, און ער פירט בלויז אַן אָרגאַניש=פיזיאָלאָגיש לעבן.

אַזוי זעט אויס די לאַגע אונדזערע אין יידישן וויין=פערטל אין וואַרשע און אַנדערשוו. און דאָך האָבן מיר נישט פאַרגעסן, אז מיר זענען מענטשן און נישט קיין פרימיטיווע נידעריקע באַשעפענישן, דאָך געדענקען מיר, אז סך=הכל מיט 2 יאָר צוריק זענען מיר נאָך געווען פרייע מענטשן. מיר האָבן געבילדעט אַ לעבעדיקע אָרגאַנישע געזעלשאַפט, וואָס האָט טראָץ אַלע אירע שלעכטע און שאָטנדיקע זייטן דאָך געהאַט א מענטשלעכע צורה. מיר האָבן זיך געבילדעט, געשטרעבט צו שאַפן אויף אַלע געביטן פון לעבן און צו באַרייכערן דאָס לעבן. מיר האָבן געבענקט נאָך קונסט אַלס דעם העכסטן אויסדרוק פון מענטשלעכן דאָזיין, און מיר האָבן די קונסט אויף אַלע געביטן לויט אונדזערע מעגלעכקייטן געפלעגט. מיר האָבן אויך געהאַט א חוש און נייגונג צו וויסנשאַפט. מיט איין וואָרט: מיר זענען געווען מענטשן און אַלדאָס מענטשלעכע האָט אונדז געלאָקט און צוגעצויגן. און היינט?... ווי דערנידעריקט, באַשפּיגן און אומגליקלעך מיר זענען!

דאָך ווילן מיר ווייטער לעבן און בלייבן פרייע שאַפנדיקע מענטשן. דאָס וועט זיין אונדזער לעבנס=עקזאַמען. אויב אונדזער לעבן וועט אונטער דער דיקער שיכט פון אַש נישט אויסגעלאָשן ווערן — וועט דאָס זיין א טריומף פון מענטשלעכן איבערן אוממענטשלעכן, וועט דאָס זיין א באַווייז, אז אונדזער לעבנס=ווילן איז שטאַרקער פון דעם פאַרניכטונגס=ווילן, אז מיר זענען אימשטאַנד גובר צו זיין אַלע בייזע כוחות, וואָס ווילן אונדז איינשלינגען.

[Abraham Lewin]

# *Eulogy Read at a Commemorative Evening in Honour of Yitshak Meir Weissenberg, 13 September 1941*

We live in a prison. We have been degraded to the level of homeless and uncared-for animals. When we look at the swollen, half-naked bodies of Jews lying in the streets, we feel as if we find ourselves at some subhuman level. The half-dead, skeletal faces of Jews, especially those of dying little children, frighten us and recall pictures of India, or of the isolation-colonies for lepers which we used to see in films. Reality surpasses any fantasy; and possibly one thing only could still surprise us. This would be mass-murder in the place of systematic extermination. Hard as it is to utter words such as these, one has to say that for all those who perish of starvation, a swift and violent death would certainly be a release from the protracted terrible suffering of their dying agony.

The proportions of life and death have radically changed. Times were, when life occupied the primary place, when it was the main and central concern, while death was a side phenomenon, secondary to life, its termination. Nowadays, death rules in all its majesty; while life hardly glows under a thick layer of ashes. Even this faint glow of life is feeble, miserable and weak, poor, devoid of any free breath, deprived of any spark of spiritual content. The very soul, both in the individual and in the community, seems to have starved and perished, to have dulled and atrophied. There remain only the needs of the body; and it leads merely an organic-physiological existence.

Such is our situation in the Jewish Wailing-Quarters in Warsaw as well as in other places. However, we do not forget that we are human beings and not primitive, lowly creatures. And, in spite of it all, we remember that only two years ago we used to be free men. We constituted a live and organic community which had and preserved a human image in spite of the negative and dark sides. We used to seek education; we used to strive and to create in every province of life; we used to enrich life. We used to yearn for art as the highest expression of human existence and we used to cultivate art in all its forms as much as our powers and potential permitted. And we used to have both a feeling and an inclination for science.

To sum up – we were human and whatever was human attracted and excited us. How is it nowadays? – How suppressed, how disgraced and miserable are we now!

Yet, we wish to live on, to continue as free and creative men. This will be our test. If, under the thick layer of ashes our life is not extinguished, this will prove a triumph of the human over the inhuman and that our will to live is mightier than the will to destruction; that we are capable of overcoming all evil forces which attempt to engulf us.

אָט די א. ג. קולטור=אָוונטן, פון וועלכע מיר האָבן היינט דעם ערשטן, דאַרפן
זיין איינער פון די באַווייזן פון אונדזער שטאַרקן לעבנס=אינסטינקט. זיי דאַרפן
אונדז דערמאָנען אָן אונדזער פאַרגאַנגענהייט און וועקן צו א בעסערער צוקונפט.
זיי דאַרפן אונדז דערמאָנען, אַז מיר זענען געשטאַנען אויף א העכערן ניוואָ ווי
די ציגיינער, אָדער וועלכער ס'איז נישט ווילדער שבט אין אַמעריקע. זיי דאַרפן
אונדז אויפוועקן צו נייער גייסטיקער אַרבעט און שאַפן, זיי דאַרפן אונדז נישט
לאָזן איינשלאָפן מיט אן אייביקן שלאָף. איך גלייב, אַז די יידישע יוגנט, וועלכע
איז אַזוי טראַגיש געטראָפן געוואָרן דורך דער מלחמה, ווייל זי האָט נאָך נישט
באַוויזן צו געניסן פון די פרוכטן פון לעבן און איז פולשטענדיק באַרויבט געוואָרן
פון געניס פון שול, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, טעאַטער און אַנדערע מענטשלעכע
גייסטיקע און מאָראַלישע דערגרייכונגען, שוין נישט רעדנדיק וועגן די פיזישע
ליידן ביז הונגער=טויט, אַז די יידישע יוגנט וועט מיט פרייד אויפנעמען אונדזער
איניציאַטיוו און וועט אין די אָוונטן געפינען נייע כוחות צו שטאַרקן זיך און צו
דערהאַלטן איר מענטשלעכן אויסזען.

מיר האָבן דעם ערשטן אָוונט געווידמעט דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער
ווייסנבערג; מעגלעך, אַז דאָס איז געווען צופעליק, דאָך איז עס אין אַ געוויסער
מאָס סימבאָליש. ווייסנבערג געהערט צו די קינסטלער=שעפער, וואָס ווערן גע=
בוירן ווי פון זיך זעלבסט, וואָס וואַקסן אַרויס ווי אַ בלום אויף אַ פוסט אומבאַ=
אַרבעט פעלד. אין דעם זין דערמאָנט ער אונדז אָן דעם רוסישן שרייבער גאָרקי,
וועלכער איז אויך אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה, וווּ ס'איז נישט געווען קיין פאַר=

שטענדעניש פאַר קולטור און ליטעראַטור. אַזעלכע קינסטלער זענען אַ באַווייז
פאַר דער לעבנס=קראַפט פון מענטש, פאַר זיין אייביקן שטרעבן צו ליכט און
פראָגרעס, פאַר דער אינערלעכער שאַפונגס=קראַפט, וואָס שפּראָצט אַרויס אומ=
דערוואַרט, ווי אַ באַהאַלטענער וואַסער=קוואַל פון אונטער דער ערד. זאָל ווייסנ=
בערגס אָנדענק זיין אַ סימבאָל פון אונדזער לעבנס=כוח, וועלכער וועט להכעיס
אַלע פאַרצוימונגען און שטיינער ווייטער פליסן באַהאַלטענערהייט, ביז ער וועט
אַרויס אויף דער פרייער וועלט און וועט זיך צעגיסן מיט יובל פון פרייד איבער
אונדזער לעבנס=פעלד.

יידישע יוגנט! מעגלעך, אַז צווישן אייך אין זאַל געפינען זיך באַהאַלטענע
פּאָטענציעלע ווייסנבערגס. פאַלט נישט ביי זיך, שטאַרקט אייך און זאַמלט כוחות
אויף דורכצוהאַלטן, ביז ס'וועט אויפשיינען די זון פאַר אַלע, אָן אויסנאַם, קינדער
פון דער ערד. דאַן וועלן זיך אויך ביי אונדז באַווייזן נייע ווייסנבערגס און אַנדערע
שעפער. דאַן וועלן מיר ערן און פייערן נישט בלויז דעם אָנדענק פון די פאַר=
שטאָרבענע שרייבער, נאָר מיר וועלן פייערן און באַערן אויך די לעבנדיקע, שאַפנ=
דיקע יונגע יידישע קינסטלער אויף אַלע געביטן פון קולטור און ציוויליזאַציע.

וואַרשע, געטאָ. 13-טער נאָוועמבער 1941.

(רינגעלבלום-אַרכיוו, ערשטער טייל).

The cultural assemblies, the first of which we attend this evening, are meant to be one of the proofs of our vigorous instinct for life. They are supposed to remind us of our past and to stimulate us for a better future. They should recall to us that we used to occupy a place higher than the Gypsies or any of the wild tribes of Africa. And they must arouse in us a renewed intellectual effort and creativity. They must not let us slide into the eternal sleep. I believe in Jewish youth. I believe that they, on whom the war has had such a tragic impact (for they did not yet enjoy the fruits of life, having been deprived of any benefit of school, of science, of literature, of theatre or other human achievements in spiritual or material fields) – to say nothing of physical miseries, of starvation and death – I believe that this youth will enthusiastically accept our initiative and will find in these assemblies a new strength to invigorate themselves and preserve their human image.

**We have consecrated this first evening to the late writer, Weissenberg. This may have been just an accident but it is, nevertheless, somewhat symbolic. Weissenberg is one of those creative artists who come to us as though born by themselves, who grow like a flower in an untilled field. In this respect, he reminds us of the Russian author Gorky, who also grew out of an environment devoid of understanding for culture or literature. Artists such as these are evidence of the life-forces of man, of his eternal drive towards light and progress, of his inner creative thrust. These forces sprout unexpectedly, spring up like a hidden source from under the earth.**

**May the memory of Weissenberg be a symbol of our vital forces which shall, in defiance of any restrictions and stone walls, flow forth unseen until they burst out of hiding in a free world and spread in joy and jubilation all over the field of our life.**

**Hear, O Jewish Youth! Maybe among you, here in this hall, there is, there are potential Weissenbergs. Do not lose courage! Keep strong and gather power, pick up strength to withstand until the sun shines for all children of the earth without distinction. Then, at that hour, Weissenbergs will appear anew among us, along with other creators. At that hour, we shall honour and celebrate not only the memory of deceased writers, but also the fame and excellence of the living, creating young Jewish artists in every field of culture and of civilization.**

שלעכטס אין אונדזער פּלאָגעדיקער עקזיסטענץ ביי יעצטיקן מאָמענט שטעקט טאָ-
קע אין [דעם], וואָס מיר זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ געטאָ. פון דאַנען........
רעגענערירנדיקע און דעמאָראַליזירנדיקע [רעזולטאַטן אין] ציבורדיקן לעבן. פון
דאַנען שטאַמט אונדזער פיזישער און מאָראַלישער צוזאַמענבּרוך.

דאָס געטאָ און דאָס לעבן אין געטאָ האָט נישט קיין שום צוקונפט פאַר זיך,
ווייל מיר זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין זיינע מויערן קעגן אונדזער ווילן,
דאָס איז געשען מיט ברוטאַלער גוואַלד, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין
שום מענטשלעכע געפילן אָן דאַריבער טאָרן מיר נישט אַפילו אויף קיין איין רגע
זיך איינריידן, אַז די געטאָ־פאָרם קען צוגעפּאַסט ווערן צו אונדזערע נויטן, קען
ברענגען אַ לייזונג פאַר וועלכע עס איז אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון אונדזער
פאַרחושכטן קיום. און על אחת כמה וכמה מוזן מיר זיך האַלטן ווייט ווייט פון
דעם רומקאָווסקי־ענטוזיאַזם אין באַצוג צו דער
אין געטאָ.        כלומרשטער „שפּערישקייט"

דאָס געטאָ איז פאַר אונדז נאָר אַ דירת־עראי, וועלכע איז אויף אונדז ארויפ-
געצוווּנגען געוואָרן. דאָס איז אַ מין סוכה אָן אַ דאַך און אָן שום מענטשלעכע
וווינונג־באַדינגונגען, דאָס איז נאָר אַ פּראָוויזאָרישע דירה, אַ פאַריבערגייענדיקע
פאָרם פון אונדזער צוזאַמענלעבן און — דער קוואַל פון אונדזערע אַלע צרות און
נויטן ביי היינטיקן טאָג. דאָס געטאָ, וואָס האָט אונדז אַזוי מערדערלעך געטראָפן,
איז אונדזער גרעסטע צרה און חורבן פאַרן כלל און פאַרן פרט — מאָראַל אינסאַניטי.
אַלע אַנדערע צרות און פּלאָגן פאַרשווינדן אין פאַרגלייך מיטן געטאָ.
די הויפּט־קללה פון געטאָ באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרט קענען מיר נישט
זיין שפּעריש. שפּעריש זיינען מיר געווען פאַרן געטאָ, ווען מיר האָבן געשאַפן
קולטורעלע ווערטן פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווייל צו שאַפנ-
דיקער אַרבעט זיינען מיר מסוגל, אָבער ביי מער אָדער ווייניקער פרייע באַדינגונגען.
אין געטאָ אָבער איז דאָס אַן אוממעגלעכע זאַך. אונטערן אויסערן ברוטאַלן דרוק
האָבן מיר פאַרלאָרן די מעגלעכקייט ווי אויך די איינגעשאַפטן צו זיין שפּעריש.
דאָ אין געטאָ מוזן מיר יעצט מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, בכדי צו איבער-
האַלטן אַט אַ די שרעקלעכע תקופה פון אונדזער דאַזיין. אויסהאַלטן און אדורכ-
האַלטן — אַט דאָס דאַרף זיין אונדזער יעצטיקער פּאַראָל אין געטאָ.
פון דעם אויבן־געזאָגטן דרינגט אַרויס מיין נעגאַטיווע באַציונג צו דעם
גאַנצן געטאָ־קאָמפּלעקס, וועלכן איך פאַס אויף אַלס אַן אויסערסט פיינטלעכע דער-
שיינונג אין אונדזער גאַנצער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. קיין שום גוטס וועט שוין
פאַר אונדז פון געטאָ נישט אַרויסקומען, אדרבא — וואָס מער דעמאָראַליזאַציע
און פאַרדאָרבונג ברענגט דאָס געטאָ מיט זיך פאַר דער איינגעשלאָסענער, צוזאַ-
מענגעפּרעסטער מאַסע.

איך וויל דאָס בעסער אויפקלערן דורך צוויי מעדיצינישע טערמינען: ענדאָגענע
און עגזאָגענע — אינערלעך מוזן מיר אַלץ טאָן, וואָס עס קען אונדז דערמעגלעכן
דאָס אויסדויערן און דורכהאַלטן. אָבער אין דרויסן פייפט איבער אונדזערע קעפּ
די בייטש פון באַדריקער, וועלכער צווינגט אונדז אויסצופירן אַרבעטן און לייס-
טונגען, וואָס שטייגן אַריבער אונדזערע שוואַכע כוחות. דעם באַצווינגערס באַ-
ציונג צו אונדז קען ווערן פאָרמולירט מיט די ווערטער פון די שומרי־בני־ישראל
צו פּרעה׳ן „תבן לא נתן לעבדיך ולבנים אומרים לנו עשו" — מען הייסט אונדז
צו טאָן אוממעגלעכע זאַכן, וואָס מיר זיינען נישט אימשטאַנד אויסצופירן אין די גע-
טאָ־באַדינגונגען, טאַקע צוליב די שווערע באַדינגונגען גופא.

# ד"ר י. מילייקאָווסקי*)

ד"ר י. מילייקאָווסקי, מעדיצינער, פאַרמלחמהדיקער ציוניסטישער עסקן, מיטגליד פון
וואַרשעווער יודענראַט, פאָרזיצער פון געזונט־אָפּטייל, אומגעקומען דעם 18-טן יאַנואַר 1943

וועלנדיק ענטפערן געוויסנהאַפט אויף די געשטעלטע פראַגן, מוז איך קודם-
כל באַמערקן, אַז מיינע ווייטערדיקע אויספירונגען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטע-
טראָגן דעם שטעמפּל פון פּריוואַטע באַמערקונגען און זיי ווערן אַרויסגעזאָגט
אין אַלגעמיינע שטריכן קאָנספּעקטמעסיק.
מיין פאַרצווייגטע און ביז גאָר אינטענסיווע אַרבעט אין דעם מיר אָנפאַר-
טרויטן רעסאָרט געזונטהייטס־אַמט און שפּיטאָל־וועזן ביי דער יידישער קהילה אין
געטאָ — רויבט ביי מיר אַוועק דעם גאַנצן טאָג אַרבעט און לאָזט מיר פּשוט נישט
איבער קיין פרייע צייט, אין וועלכער כ׳וואָלט זיך געקאָנט צונויפטרעפן מיט זייַ-
טיקע מענטשן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע ספערן, בכדי צו קענען פאָרשן
זייער מענטאַליטעט און איינשטעלונג צו דער יעצטיקערווירקלעכקייט.

איך שטיי אין דער שפּיץ פון סאַניטאַריאַט ביי דער אַקציע פון באַקעמפן
פון דער עפּידעמיע און פון דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג. אויסערדעם פיר איך אויך אָן
מיט דער יידישער דאָקטוירים־קאַמער דאָ אין געטאָ, ווו עס זיינען קאָנצענטרירט
איבער אַכט הונדערט דאָקטוירעם. די אַלע באַשעפטיקונגען לאָזן איבער פאַר מיר
זייער ווייניק צייט און דעריבער וועלן מיינע ווייטערדיקע אויספירונגען זיין געבויט
אויף דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון מיין אַרבעט־געביט און מיינע מסקנות וועל
איך — ווי ווייט מעגלעך — זיך באַמיען צו געבן אין אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

......... צום עצם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַ ......... יידן און מיין איינ-
שטעלונג אין דעם פרט, וועל איך דוכט זיך מיר, — אַמבעסטן אילוסטרירן מיט
דעם פאָלגנדיקן פאַרגלייך: פאַראַיאָרן איז צו אונדז אין געטאָ געקומען דער פּרע-
זעס פון׳דעם לאָדזשער געטאָ רומקאָווסקי און ער האָט זיך געוואָגדן צו מיר
מכוח אַריבערנעמען יידישע דאָקטוירים קיין לאָדזש אין געטאָ. אין צוזאַמענהאַנג
מיט דעם, האָט ער אונדז מזכה געווען מיט אַ כמו־רעפעראַט ביי אונדז אין דער
קהילה וועגן דעם לאָדזשער געטאָ בכלל, און וועלכן ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע
מיינונגען וועגן געטאָ.

רומקאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאַנדפּונקט, אַז די געטאָ־פאָרם דער-
מעגלעכט די אָנגעיאָגטע פאַרזאָגן אין געטאָ צו זיין שפּעריש פאַר די יידן,
וואָס דער גורל האָט זיי פאַראַורטיילט דאָרטן צו וווינען. ער האַלט, אַז מ׳קען
פאַר די יידן אַ פולע אויפטאָן. מ׳קען זיי זעלבסט איינגאַנצן איבערפאָרמען אין
אַן אַרבעטזאַמען, נוצלעכן, שפּעריישן עלעמענט. ער באַטראַכט די עקזיס-
טענץ פון געטאָ מיט זיינע מויערן — פיזישע און גייסטיקע — ווייל דאָס קאָן
ברענגען אַ נוצן דעם יידישן כלל.

קעגן אַט אַזאַ מין איינשטעלונג באַנטוועט זיך מיין גאַנץ אינערלעך וועזן:
גיאַד מיט דעם קען איך נישט מסכים זיין! — דער שורש און מקור פון גאַנצן

*) רינג׳-אַרכיוו נומ׳ 86 אָרטאָגראַפיע נישט געענדערט.

און דאריבער, נעמענדיק דאס אין אכט, באמי איך מיך שטענדיק אזוי צו האנדלען אויפן שטח פון מיין רעסארט, דאס די מאסגעבנדיקע פאקטארן פון „יענע" זאלן פארבלענדעטע ווערן אויף א צייט דורך מיינע אויספירונג־פארשריפטן, און אז דאס שמייסן מיט דער בייטש זאל אזוי אנאך געליפערט ווערן. אין די געגעבענע שרעקלעכע באדינגונגען קען איך נישט און איך וויל נישט זיין שעפעריש, ווייל דאס איז א ברכה לבטלה און ארויסגעווארפענע טרחה און — אן אוממעגלעכע זאך.

בכדי ריכטיק צו קענען באגרייפן דאס בילד פון געטא־לעבן קענען מיר נישט אורטיילן אויפן יסוד פון דעם, וואס מיר זעען אויף דער גאס. אין געטא אונטערשייד איך צוויי שיכטן. איך וואלט עס געקאנט אויסדריקן בילדלעך אויף אזא אופן: די גאנצע יידישע געזעלשאפט, וואס געפינט זיך אין געטא, איז פונקט ווי זי וואלט אריינגעווארפן געווארן אין א גרויסן זידנדיקן טאפ וואסער, וואס שטייט אויף א גרויסן פייער — אויפן פייער פון אונדזער צרות. אין דעם זידנדיקן וואסער קענען מיר אונטערשיידן צוויי שיכטן — אן אויבערשטע און אן אונטערשטע.

די אויבערשטע שיכט זידט און קאכט און אויף איר אויבערפלעך באווייזן זיך אפילע וואסער־בלאזן. די צווייטע — זי קאכט אויך, אבער שטילער, געלאסענער. אונדז אין די אויגן ווארפט זיך אמשטארקסטן די ערשטע שיכט — הגם נישט די צאלרייכסטע און וויכטיקסטע, ווייל זי טומלט אמערסטן פאר אונדזערע אויגן. ווילנדיק וויסן ווי עס זעט אויס דער אמתדיקער פרצוף פון געטא, מוזן מיר זיך באקענען גענוי אט מיט דער צווייטער שיכט, וועלכע וועט אונדז געבן די ריכטיקע אפשפיגלונג.

באלד אויפן ערשטן קוק ווארפט זיך אין די אויגן דאס אפגעטעמפטע רחמנות־געפיל ביי די ווארשעווער יידן. אן ישום מיטלייד צו דער פארצווייפלטער לאגע אין וועלכער עס געפינען זיך טויזנטער פון אונדזערע ברידער, וואס די נויט האט זיי ארויסגעטריבן פון זייערע נארעס אויפן גאס, גייען מיר אדורך, כמעט גלייכגילטיק, פאר די קוים לעבעדיקע אומגליקלעכע און פאר די מיט פאפיר צוגעדעקטע, פון הונגער נעשטארבענע. דאס אכזריות האט אנגעהויבן צו וועלטיקן אין אונדזערע מוחות, און עפ"י דעם זיינען אויך אונדזערע האנדלונגען. עס איז כדאי צו באמערקן, אז אויך „יענע" האבן שוין באוויזט צו באמערקן אט די טרויעריקע דערשיינונג אין אונדזער לעבן.

דאס לעבן פון דער ערשטער שיכט איז נאך אבער נישט דאס ריכטיקע. עס ווערט רעפרעזענטירט דורך דער צווייטער שיכט, וועלכע מ'קען ......... מיט איר צוזאמען אין געטא און אין דער דאזיקער שיכט פון דער יידישער געטא־באפעלקערונג געפינען מיר באשיידענע אבער זייער וויכטיקע דערשיינונגען, ליכטיקע, קראפטפולע און דערפרייענדיקע: דאס רחמנות־געפיל, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין דער ארבעט פון די יסודותדיקע קעמערלעך פון יידישן ארגאניזאציאנעלן לעבן אין די הויזקאמיטעטן, אדאנק וועלכע די אמתע יידישע מידה פון רחמנים און גומלי־חסדים ווערט רעאליזירט אין לעבן

אויסער דעם גייט א שטילע, באשיידענע ארבעט, וועלכע האט נאר א חיי־שעה־באדייטונג, אויך אויף אונדזערע געביטן, ווי למשל, ביים ארגאניזירן פאלקס־קיכן פון פארשיידענע טיפן, מעדיצינישע קורסן און אויך אנדערע לערן־קורסן פאר פאך־אויסבילדונג פון דער יידישער אונטערוואקסנדיקער יוגנט. עס גייט אויך אן אן אינטענסיווע פארשונג־ארבעט אויפן מעדיצינישן געביט מכוח הונגער־טויט און פלעק־טיפוס. עס ווערט זארגפעלטיק אדורכשטודירט דער גאנצער קלי־



נישער — צום באדויערן — אויסטערליש צאלרייכער מאטעריאל און עס ווערן צוגעגרייט די אויספארשונגען פאר זייערע לעצטע, ענדגילטיקע מעדיצינישע מסקנות. דאס איז אונדזער אמביציע און פרעסטיזש־זאך!

אבער דאס אלץ איז נישט אין קיינעם פאל קיין אריגינעלע שעפערישע געטא־קולטור. מיר ווילן נאר שפעטער — נאך דעם קאטאקליזם — קענען אויפווייזן דער וועלט, אז אויך די שרעקלעכע נגישות האבן אונדז נישט געקענט צעברעכן. אין דעם מאמענט, וואס מיר זיצן דא קומט פאר אין שפיטאל א קליינע וויסנשאפטלעכע זיצונג, געווידמעט דעם געטא. דא(!) פראבלעמען מיט רעפעראטן, קאררעפעראטן, דיסקוסיע. די רעזולטאטן פון דער ארבעט וועלן שפעטער פובליקירט ווערן און איך האף, אז דאס וועט זייער שטארק פאראינטערעסירן די ברייטע וועלט.

די אויבן אויסגערעכנטע פרוון פון פאזיטיווער ארבעט אין געטא זיינען אין באצוג צו די נעגאטיווע דערשיינונגען א קנאפער טרייסט פאר אונדז, ווייל איין זאך איז פאר אונדז שרעקלעך קלאר: — געטא דעמאראליזירט!! דאס וואס עס איז פארן געטא א ברכה — ווי, למשל, שמוגל — איז עס פון ברייטן נאציאנאלן ווינקל־קוק — א קללה.

זאלן מיר נאך אויף א רגע אבסטראהירן פון דעם אוטיליטארן עגאיסטישן שטאנדפונקט אין פרט פון שמוגל און וועלן פארגעסן, אז די א דאנק די שמוגלערס — אט די יעניקע יידן, וואס שטעלן זיך איין דאס לעבן, כדי צו פארזארגן דאס געטא מיט מכל־טוב, האבן אפילו יידן די מעגלעכקייט זיך צו פארזארגן מיט די שענסטע און בעסטע מאכלים, און וועלן זיך פארטראכטן אויף דעם, וואס פאר א דור וועט אויסוואקסן פון די שמוגלער קאנטראבאנדיסטן, אט פון די הפקר־יונגן. איז עס נישט קיין קללה?

אדער, למשל, דער ענין: פאך־קורסן, מעדיצינישע ווי אויך אנדערע. מער ווי פארטאטשעס וועלן פון די קורסן נישט ארויסקומען און דאס איז נישט די שולד פון די לערער אדער די לייטער. שולדיק אין דעם זיינען נאר די שווערע און אומנארמאלע באדינגונגען — דאס געטא. דאס אלץ איז נישט קיין פארשריט און אנטוויקלונג! דאס איז — דעגענעראציע און פארווילדונג.

אין אזעלכע שווערע באדינגונגען פון אונדזער צוזאמענלעבן אין ווארשעווער געטא קומט דערצו, דאס ווידעראמאל באנוצנדיק זיך מיט אונדזער פריערדיקן פארגלייך מיטן זידנדיקן טאפ וואסער — אויף דער אויבערפלאך פון אונדזער......... שווימען ארויף מענטשן פון סאמע חנא: פרעטענציעזע, מוסרים, לאפאזניקעס מכל המינים און — קרובים למלכות. שטענדיק געפינט זיך אט די שיכט פון אונטערוועלט־מענטשן, אסאציאלע עלעמענטן ביי יעדער געזעלשאפט. די דאזיקע קאטעגאריע מענטשן שטארקט זיך און פרוכפערט זיך, בשעת מלחמה, פונקט ווי אוממענטשלעכע באדינגונגען פון לעבן וואלטן געווען דער געאייגנטער סובסטראט פאר דער בעסטער אנטוויקלונג פון די מענטשן־היענעס.

איך וויל גארנישט נעגירן דעם פאקט, אז אט דער מין מענטשן איז אין די געגעבענע באדינגונגען געוויסערמאסן נויטווענדיק און אויך נוצלעך צוליב אויבערלעבנס סיבות: די מאכט פאדערט פון אונדז ברודיקע ארבעט, וואס מוז אונטערן דרוק פון מאכט־האבער אויסגעפירט ווערן. נישט יעדער איז מסוגל דאס אויסצופירן און מיר מוזן, ווילנדיק אדער נישט ווילנדיק, אנקומען צו די אונטערוועלט־מענטשן. אין דעם פאל זע איך איין די פאזיטיווע ראל פון די עלעמענטן אין לעבן פון כלל. כ'מיין, אז אזוי שטעלט זיך פאר די לאגע אויף דער פראווינץ.

